כי תשא | תשע"ו
גליון נומער
6

# עלה לתרופה

א וועכנטליכע גליון אויף פרשת השבוע
חיזוק, הייליגע דיבורים און עצות פון הרה"ק ר' נחמן מברסלב זיע"א

## על הפרשה

## מחליט זיין אַן החלטה אָן קיין חרטה.

קוק נאר ווי ער גייט מיט א געהויבענע קאפ און גראדע רוקן. איך ווייס נישט וואו ער גייט, אבער ער ווייסט זיכער יא. זיינע אנטשלאסענע טריט איבערציינגן מיר אז ער האט א קאפ אויפן פלייצעס, און ער ווייסט וואס, ווען, און וויאזוי צו טוהן. ער דרייט נישט אויס זיין קאפ אויף צוריק, צו זען אויב ער האט בטעות פארפאסט די גאס וואו ער דארף זיך איינדרייען. זיין בליק איז געוואנדן אויף פאראויס, און עס דאכט זיך מיר אז ער זעט אויך פאראויס וואס עס וועט געשען.

קוק ביטע נישט אויף מיר, אויף מיין געבויגענע קאפ און קרומע רוקן. אפשר ווייסטו וואו איך גיי, אבער איך ווייס זיכער נישט. מיינע וואקלדיגע טריט ציינגן אז מיין קאפ איז נישט אינעם הווה. איך ווייס נישט וואס, ווען, און וויאזוי צו טוהן, ווייל איך קען נישט אויסרעכענען די תוצאה פון מיין בחירה. וויאזוי הייבט מען דעם קאפ אנשטאט צו הייבן פלייצעס אין א תנועה פון יאוש? וויאזוי טראגט מען אחריות אויף די אייגענע מעשים? יעדע באשלוס איז א ריזיקע און א געראנגל צווישן צוויי ברירות. עס דאכט זיך מיר אז איך קען קיינמאל נישט וויסן וואס וועט געשען. ווייסטו וואס? איך מיין אז עס איז נישט קיין פארדאכט, איך מיין אבער אז אויך דאס קען איך נישט באשליסן.

מיר זוכן אזא סארט קונצליכער כלי, א וואונדערבארע וואגשאל וואס וועגט אפ אלע ברירות און צדדים. מיר ווילן פארזוכן דעם טעם פון שלוות הנפש.

࿐ • ࿐

מאכן א החלטה איז לכאורה פון די שווערע זאכן אין לעבן. קער זיך רעכטס, אדער דריי זיך לינקס, אבער דו קענסט זיך נישט ארויסדרייען דערפון. עס דאכט זיך אונז אז צו פאסן א באשלוס דארף מען האבן יכולת. ס'איז דא זעלבסטזיכערע מענטשן וואס ווייסן וואס זיי טוען און וואו זיי גייען, און ס'איז דא קווענקלדיגע מענטשן וואס טראכטן איבער וויניגסטנס צען מאל איידער זיי טוען די מינדעסטע פעולה. מיר זוכן אזא סארט קונצליכער כלי, א וואונדערבארע וואגשאל וואס וועגט אפ אלע ברירות און צדדים. בעצם איז פאראן אזא מושג. א מענטש האלט ביים באשליסן א וויכטיגע החלטה וואס האט ווייטגרייכנדע השפעות און תוצאות. ער ווייסט נישט וואו זיך אהינצוטוהן, ס'איז צו א שווערע אחריות צו טראגן אויף זיינע שמאלע פלייצעס. ער גייט פרעגן אן איש חכם וועלכער צייגט אויפן ריכטיגן ריכטונג, ער דארף עס שוין נישט זוכן, און ער קען שוין פארזוכן דעם טעם פון רואיגקייט און שלוות הנפש.

נישט אלעמאל איז שייך צו פרעגן. רוב מאל דארף מען אליין ענטפערן. מען דארף נויטיג האבן אן אייגענע אריינגעבויטע וואגשאל פון שיקול הדעת כדי אפצואווועגן אלע צדדים און אליין מכריע זיין לטוב אדער למוטב. מען קען דאך נישט חרטה האבן אויף יעדע צווייטע החלטה וואס מען באשליסט. מען קען זיך נישט ארויסלאזן אויפן וועג און טוישן ריכטונגען יעדע פאר מינוט, חוץ אויב מען האלט ביים מאכן הקפות אנשטאט אנצוקומען ערגעץ. אבער אפשר בין איך נישט גוט געפארן? אפשר זאל איך זיך אויסדרייען? וואו איז דער "דזי. פי. עס." וואס וויזט די מאפע פונעם לעבן? דערפאר דארף מען זיין א חכם. א חכם האט אן אריינגעבויטע וואגשאל וואס וועגט אפ אלע צדדים, און אן אריינגעבויטע "דזי. פי. עס." וואס וויזט אים וואו צו גיין. דאס איז די מעלה וואס רופט זיך בלשוננו "נשיאת ראש" - אויפהייבן דעם קאפ. עס איז א קונץ אויפצוהייבן דער קאפ העכער בלבולים פון פארשידענע ברירות און אפציעס. עס איז א געווינס צו קענען באשליסן החלטות גרינגערהייט. די שאלה איז וויאזוי מען קומט אן צו דעם.

࿐ • ࿐

**א מטבע'ס צוויי צדדים**

די פרשה פון די וואך הייבט זיך אן מיט "נשיאת ראש" און די מצוה פון מחצית השקל. דער שקל איז דער משל פון אונזער לעבן. ס'איז פאראן צוויי צדדים צו יעדע מטבע. ס'איז פאראן צוויי וועגן, און מיר שטייען אינדערמיט, און מיר דארפן אפוועגן אונזער שריט. וויאזוי הייבט מען אויף דעם קאפ העכערן ספק? אויף וועלכע ריכטונג צייגט מען, צו וועלכער צד נייגט מען, און וואס איז מען מחליט?

ס'איז פאראן א כלליות'דיגע וועג פון פאסן א באשלוס, אבער ערשט דארף מען דערגיין דעם עצם נקודה וואו מיר ווילן אנקומען. מען גייט ארויס צו די ארבעט לצורך פרנסה. מען דארף באשליסן וועלכע ביזנעס-דיל צו מאכן. ערשט דארף מען וויסן, וואו וויל מען אנקומען? אויב מען זוכט בלויז הצלחה, איז יעדע החלטה טאקע א שווערע עסק. אויב מען זוכט דעם באשעפער, און גראדע זוכט מען פרנסה כדי צו קענען דינען דעם באשעפער, האט יעדע החלטה אן אנדערע פנים. צוויי מענטשן גייען ארויס צו די זעלבע ארבעט, אבער זיי זוכן אנצוקומען צו אנדערע פלעצער. די צוויי אנדערע מהלכים זענען אויך שייך ביים זיך אראפזעצן צום לערנען. איינער זעצט זיך אראפ לערנען מיט איין מאטיוו. ער זוכט הצלחה אין לערנען. אן אנדערער זעצט זיך אראפ לערנען כדי צו טרעפן דעם קשר מיטן בורא דורך לימוד התורה. ווי אנדערש איז דער צוגאנג צו מאכן החלטות ביי ביידע. איינער טראגט א שווערע עול פון אחריות אויף זיין יעדע תנועה צו וואו ער קערט זיך. דער אנדערער איז רואיג ווייל ער זוכט בלויז דעם באשעפער, און ער קען טרעפן דעם בורא אין יעדע ריכטונג און אין יעדן צד, רעכטס און לינקס.

פארזעצונג אויף זייט 4.

# משיבת נפש

## סימן ו׳, ז׳, ח׳:

וּבָזֶה טוֹעִים הַחֲסִידִים הַכְּשֵׁרִים הַרְבֵּה, כְּשֶׁרוֹאִים שֶׁפִּתְאֹם מִתְגַּבְּרִים עָלָיו תַּאֲווֹת וּבִלְבּוּלִים וּמְנִיעוֹת וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁנָּפַל מִמַּדְרֵגָתוֹ מֵחֲמַת שֶׁבַּזְּמַן הַקֹּדֶם לֹא הָיוּ אֵלּוּ הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים מִתְגַּבְּרִים עָלָיו כָּל כָּךְ וְהָיוּ נָחִים קְצָת עַל כֵּן הוּא סוֹבֵר שֶׁנָּפַל חַס וְשָׁלוֹם.

אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל רַק שֶׁזֶּה מֵחֲמַת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא לְפִי בְּחִינָתוֹ, וּמֵחֲמַת זֶה מִתְגַּבְּרִים עָלָיו מֵחָדָשׁ בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל יוֹתֵר כָּל הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת וְהָעַקְמִימוּת שֶׁבַּלֵּב וְכוּ, וְצָרִיךְ בְּכָל פַּעַם וּפַעַם לְהִתְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ הַרְבֵּה וְלִבְלִי לִפֹּל מִזֶּה בְּדַעְתּוֹ כְּלָל, עַד שֶׁיִּתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וְיִשְׁבֹּר אוֹתָם מֵחָדָשׁ.

וְהָעֵצָה לָזֶה לִתֵּן צְדָקָה לַעֲנִיִּים הֲגוּנִים, כִּי עִקַּר גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ נִתְגַּלָּה עַל יְדֵי צְדָקָה שֶׁנּוֹתְנִים לְעָנִי הָגוּן שֶׁעַל יְדֵי זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְגַּדֵּל וּמִתְפָּאֵר וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְהַכְנִיעַ הַקְּלִפּוֹת שֶׁהֵם הַמְּנִיעוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכוּ שֶׁמִּתְגַּבְּרִים בְּכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא כַּנַּ"ל.

עוֹד עֵצָה לָזֶה, שֶׁיְּשַׂמַּח אֶת עַצְמוֹ וְיָגִיל וְיָשִׂישׂ בִּנְקֻדָּתוֹ הַטּוֹבָה בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל וּלְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי אֱמֶת הַמּוֹלִיכִין וּמַדְרִיכִין אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת, אֲשֶׁר עַל יְדֵי זֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה טוֹבָה לָנֶצַח וְעַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה הַזֹּאת הוּא מְשַׁבֵּר הַקְּלִפּוֹת שֶׁהֵם הַמְּנִיעוֹת וְכוּ שֶׁבְּכָל דַּרְגָּא.

כְּשֶׁמִּתְחַזֵּק וּמְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת וְכוּ וְכָל פַּעַם עוֹלֶה לַמַּדְרֵגָה הַשְּׁנִיָּה הַגְּבוֹהָה יוֹתֵר לְפִי בְּחִינָתוֹ, בָּזֶה עוֹשֶׂה טוֹבָה גַּם לַחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד בְּאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה שֶׁהוּא נִכְנָס בָּהּ עַתָּה, כִּי חֲבֵרוֹ יוֹצֵא מִמֶּנָּה וְעוֹלֶה לְמַדְרֵגָה יוֹתֵר עֶלְיוֹנָה, כִּי אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיַּעַמְדוּ בְּמַדְרֵגָה אַחַת.

### פשטות העצה

ווען א מענטש גייט דורך א נפילה זאל ער נישט ווערן געפאלן ביי זיך און טראכטן אז ער האט פארלוירן זיין פריערדיגע דרגא, ווייל דאס איז א מציאות וואס מען דארף דורכגיין איידער מען גייט ארויף א דרגא. מען מוז דורכברעכן תאוות און בלבולים ווייל נאר אזוי איז מען זוכה ארויפצוגיין א העכערע דרגא. איבערהויפט מוז מען צוברעכן די בלבולים און דמיונות אז מען איז געפאלן און צוריקגעקומען צו דער פלאץ פון וואו מען האט אנגעהויבן.

### די טיפקייט וואס ליגט אין די עצה:

פארהאן אזעלכע וואס פארשטייען גוט די משמעות פון דאס וואס דער רבי לערנט אונז, און ווען עס קומט למעשה באהערשן זיי דעם דמיון וואס מאכט זיי טראכטן אז זיי זענען צוריקגעקומען צום ערשטן פלאץ. דורך צוברעכן דמיון בויט מען אמת'ע שמחה, און מען בויעט זיך אליין שטאפל נאך שטאפל. פון אנדערן זייט זענען פארהאן אזעלכע וואס לאזן צו אז אומגערופענע געסט זאלן זיך אריינזעסן אין זייער מח. די אומגעוואונטשענע אורחים פון עולם הדמיון ווערן מעשה בעל הבית איבערן מענטש, עד כדי כך אז זיי דיקטירן זיין הארץ וואס צו שפירן, און דער מענטש פאלגט נאך זיין דמיון ווייל כָּל מַה שֶׁיֹּאמַר לְךָ בַּעַל הַבַּיִת עֲשֵׂה. דערפאר דארף מען זיך שטארקן און זיך אונטערגארטלען און פארטרייבן דעם דמיון, "שלום, און נישט צום ווידערזען."

מיר וואונטשן זיך אלע אנצוקומען אל המנוחה ואל הנחלה, אבער כדי זוכה צו זיין צו סיי וועלכע רוחניות'דיגע מדריגה, דארף מען ערשט אטאקירן דעם דמיון ווי א לוכד עיר. מען מוז גיין פאראויס און צוברעכן די מויערן און מניעות, ווייל טאמער איז מען אן "עומד" קען מען נישט עומד זיין בנסיונות ודמיונות. פון דרגא צו דרגא באקומען מיר - סאלדאטן פונעם מלך - עטוואס מנוחה כדי אפצואטעמען און זיך דערפרישן. נאכן בייקומען א שטאט ווערט דער העלד באקרוינט מיט כבוד און מעדאלן פאר זיין געטרייע ארבעט. אבער טאקע צוליב דעם וואס ער איז אזוי געטריי, בלייבט ער נישט שטיין, נאר דער מלך איז אים מכבד מיט נאך א גרעסערע כבוד פון אנפירן א שווערערע קריג ווי וואס ער האט פריער לוחם געווען. אזוי גייען מיר ארויף מחיל אל חיל, מיר זענען עושה חיל, און מיר זענען מוסיף כבוד פארן מלך דורך דערהייבן נאך און נאך נחלות צו פארוואנדלט ווערן אלס נחלות ה׳.

מיר זענען נישט אן עלנדער העלד וועלכער קריגט זיך אליין. מיר זענען א חלק פון א פאלק וואס קריגט צוזאמען א מלחמה לה׳, און יעדער מיט זיין תפקיד, שטעלע, און ראנג איז משפיע אויף נידריגערע ראנגען. אזוי גייט עס אין מלחמה; ווען דער גיבור שטארקט זיך, באקומען זיינע אונטערטאנען אויך מוט. אונזער מוט און מאראל טאר נישט ווערן שוואך, ווייל מיר אידעלעך זענען אנגעבינדן איינער צום אנדערן אין איין לאנגע קייט פון רינגעלעך וואס האלטן אן איינער דעם אנדערן.

וואס טוט דער שונא ווען ער זעט אזא אחדות צווישן העלדן? דער פיינט, דער כח המדמה, איז א מומחה און צוטיילן און צושיידן: "עה! וואס האסטו איינגעשטויסן מיט יענעם? קיינער מישט זיך נישט אריין אין דיינע פראבלעמען, איז מיש נישט אויס קיין יוצרות. דו טו דיינס און יענער טוט זיינס. דו אליין ביסט באנקראט און עס קיינעם'ס נישט ביזנעס און פארלוסט חוץ דיין אייגענע."

וויאזוי איז מען זיך מתגבר אויפן שונא וואס וויל אונז פארשלעפן און אונז אויסשעפן פון כח? געדענק אז דער שונא איז איין שטיק טעות, און ער סערווירט דיר בלויז אויפגעבאקענע מעשיות. ווען דער כח המדמה קלאפט אריין אין מח און וויל דיר צוקלאפן, דערמאן זיך אז ס'איז איין גרויסער טעות, און דער דמיון האט נישט געטראפן די ריכטיגע אדרעס אריינצונארן. דער עיקר עצה איז מעורר זיין ביי זיך התפעלות פון גדולת הבורא. דער אופן פון שפירן גדולת הבורא איז דורך תפילה בכוונה. ווען דער הארץ ווערט נתעורר צו זען די יופי און חן פון קדושה, דאן איז מען זיך מתגבר אויפן דמיון און מעןווארפט אים ארויס פון מח.

ווען דאס דאווענען קומט אן שווער איז דא אן אנדערע געווער: "נתינת ממון לצדקה". ס'איז נישטא נאך אזא אחיזה פארן שונא ווי געלט, און דווקא ווייל תאוות הממון פארפלייצט די וועלט, קען מען אזוי שטארק דערהייבן דעם אייגענעם נפש דורך געבן פון זיך פאר יענעם. ווען מען עפנט דעם האנט צו געבן, עפנט מען דער מח צום אמת'ן לעבן. ווען מען דערלאנגט דעם נויטיגער א נדבה מיט א ווייך הארץ, דערלאנגט מען דעם דמיון א שטויס מיט א פעסטקייט. דער בלבול פון התרחקות צופאלט, און מען אנערקענט וואו נאנט מיר זענען באמת.

דער רבי דערמאנט אונז דער כלליות פון די עצה קעגן דעם שונא, און דאס איז צו קוקן אויף דעם גרויסן חסד וואס מיר דארפן דאנקען השי"ת דערפאר, ווייל מיר האבן דעם געוואלדיגן זכות פון זיין א חלק פון זיין אויסגעקליבענע פאלק. אנשטאט צו טראכטן ווי ווייט מיר זענען, זאלן מיר טראכטן ווער מיר זענען און וואו מיר קענען אנקומען דורך זיך מקרב זיין צו אנשי אמת. (דאס איז דער יסוד פון התחזקות וואס ווערט אפט דערמאנט אין ר' נתן'ס ווערטער אין "עלים לתרופה.")

**צום שלוס:** מיר האבן דא צוויי געוואלדיגע עצות צו צוברעכן דעם דמיון וואס עס דאכט זיך אונז צומאל אז מיר זענען צוריקגעפאלן צו דעם פלאץ פון וואו מיר האבן אנגעהויבן שטייגן: 1. תפילה - דאס איז מגלה דער חן און פאר דקדושה. 2. דורך "צדקה" דערהייבט מען זיך העכער דעם כח הדמיון וואס ליגט איינגעווארצלט אין געלט. צוזאמען מיט יעדע עצה דארף מען זיך פרייען מיט פשוט'ע אידישקייט און מיט התקרבות לאנשי אמת. דורך זיך פרייען איז מען זוכה זיך צו באפרייען פון דמיונות, און דורכדעם טרעט מען אריין אין קדושה.

סעריע #5

# "מעלת ההתבודדות"

**שאלה: ווען איך בין זיך מחזק אין אמונה, און איך גלייב באמת אז איך שטיי פארן בורא ברוך הוא און ער הערט אויס מיינע בקשות, דאן אנערקען איך אז איך האב אזויפיל שוועריקייטן אז איך ווייס פשוט נישט פון וואו הייבט מען אן אויספאקן אלע פראבלעמען?**

**תשובה:** התבודדות מיינט דווקא אנצוהייבן פון די נקודה וואס זיצט "יעצט" אויפן הארץ, און רעדן צו השי"ת פון דעם פלאץ און מצב וואו מען געפונט זיך. אוודאי איז וויכטיג צו רעדן און צו בעטן פון השי"ת אויף יעדע זאך און הינזיכט אין לעבן, אזוי ווי דער רבי ז"ל האט געזאגט צו ר' נתן אז מען דארף אפילו בעטן ביים צונייען א קנעפל אז די פעולה זאל געלונגען. אבער ווען מען זעצט זיך אראפ רעדן צו השי"ת ביים ספעציעלן באשטימטן שעה, און מען וויל צוקומען צו אביסל ישוב הדעת, דאן פארבינד מען זיך מיט השי"ת פונעם פלאץ וואו מיר שטייען יענעם רגע. מען הייבט אן רעדן וועגן וואס שטערט אונז "יעצט"! נישט וואס האט אונז געשטערט אינדערפרי, נעכטן, מארגן, ווייל ווען מען רעדט וועגן וואס איז די מערסטע שייך פאר אונז כרגע, עפנט זיך דאס הארץ.

עס פאדערט נישט צופיל מחשבה איינצוזען וואס פעלט אונז "יעצט". עס איז גענוג בלויז צו נעמען אין באטראכט וויפיל שמחת החיים פעלט אונז, כדי צו וויסן אויף וואס מיר דארפן בעטן. מען קען זיצן שטילערהייט אפאר מינוט און טראכטן, וואס שטערט מיר? וואס טוט מיר וויי? פארוואס בין איך נישט פול מיט חיות און שמחה? מען נעמט צוזאמען די מחשבות און מען דערציילט אלעס פאר השי"ת. מען בעט אן עצה ותושיע, השי"ת זאל אונז העלפן אין א געוויסע פרט אין הינזיכט וואס שטערט אונז.

מיר פארמאגן א שווערד אין האנט, וואס דורכדעם קענען מיר בייקומען אלע פיינט, ארויסגיין פון אלע שוועריקייטן, און מיר האבן די יכולת צו נוצן דעם כלי זיין. מען דארף נאר וויסן וויאזוי זיך צו קריגן און וויאזוי זיך צו קאנצענטרירן אויפן עיקר, וויאזוי צו בעטן אויף די זאך וואס שטערט אונז באמת, וויאזוי צו צילן צום פונקט. ווען אונזער מחשבה צילט צום פונקט, ערררייכן מיר ישוב הדעת אויף א וואונדערליכע פארנעם. דער פיזור הנפש ווערט פארשוואונדן, און אויפן פלאץ בויעט זיך א פעסטער קשר מיט השי"ת, און דער אור דערפון זעצט זיך אריין אין הארץ.

אסאך מאל איז אבער שווער אנצוהייבן רעדן פון יענע שווערע פארוויטאגטע נקודה וואס שטערט אונז "יעצט". אין אזא פאל איז אן עצה טובה אנצוהייבן פון זייטיגע נקודות וועלכע זענען נישט דווקא גרויס פראבלעמען. מען קען אפילו דאווענען אויף משפחה מיטגלידער אדער חברים, אבער אונזער מטרה דארף זיין אריינצוברענגען אונזער נפש אינעם שיחה, און אריינצוגיין אינעם טיפקייט וואס ליגט דארט באהאלטן. מען דארף אדרעסירן דעם בלבול און פארלוירנקייט און זיך אראפלאזן צו די נקודות וועלכע דרוקן אונז באמת.

דער עיקר זאל מען געדענקען אז אלעס ווענדט זיך אין אמונה, און מען דארף אינזין האבן אז מען זיצט פאר השי"ת. אזוי איז ממילא גרינגער צו עפענען דאס מויל און אצונהייבן רעדן. תפילה איז דער אור הגאולה. אז דער הרגש צו דאווענען ווערט פארלוירן, האט מען אויף וואס צו מתאבל זיין, ווייל דערמיט ווערט דער אור הגאולה אויך נעלם.

**שאלה: וויאזוי דערגרייכט מען אזא שטארקע אמונה אז מען איז זוכה צו רעדן צו השי"ת וויינגסטנס מיט אזא הרגשה ווי ווען מען רעדט מיט א לעבעדיגער מענטש?**

**תשובה:** אונזער פארנעפלטע הרגשה און אמונה איז דער מציאות פון גלות, און דערפאר האפן מיר אזוי אויפן גאולה שלימה ווען מיר וועלן זוכה זיין צו זען השי"ת עין בעין. דערויף דארפן אונזערע הערצער שרייען צו השי"ת און בעטן און וויינען, אזוי ווי מיר זאגן ביי תיקון חצות, "במר תיילל עדתך, על 'בית תפילתך' אשר שרפו צריך." וואו איז אונזער אמונה פארשוואונדן געווארן? אונזער בית התפילה איז פארברענט געווארן און דערפאר קלאגן מיר "איכה ישבה בדד" – איך בין עלנד, איך שפיר אליין, איך קען נישט שפירן מיין קשר צו מיין בורא!

דער נעפל פון גלות זענען ווי וואלקענעס וועלכע פארדעקן דער זון'ס ליכטיגקייט. אין א רעגנדיגן טאג זענען מיר געוואוינט צו זאגן, "ס'איז נישטא קיין זון!" אפילו דער זון איז "דא" נאר מען זעט עס נישט. לעתיד לבא וועלן מיר זען די שטראלן און עס וועט מקוים ווערן "עין בעין יראו בשוב ה' ציון". דער געדעכטער נעפל וועט זיך אויפהייבן און אונזערע הערצער וועלן זיך הייבן, און מיר וועלן קענען רעדן צו השי"ת כדבר איש אל רעהו. (ליקו"מ סי' ב')

**שאלה: נו, אויב אזוי, וואס זאלן מיר טוהן ביז דעמאלט? זיצן מיט פארלייגטע הענט, אנגעלייגטע הערצער, און דערלייגטע רצונות איז זיכער נישט קיין עצה. נאכמער, דווקא דא אין גלות שפירן מיר אזוי אנגעוויזן אויפן באשעפער'ס אונטערלאנונג און טרייסט. איז וויאזוי ברעכט מען דורך דעם נעפל?**

**תשובה:** דאס איז אוודאי מעגליך צו דערגרייכן, אפילו דא אינעם פינסטערן גלות. השי"ת האט אונז נישט אוועקגעווארפן און אריינגעווארפן אינעם פינסטערניש כדי אפצוהאקן קשר מיט אונז חלילה. ער כביכול זארגט פאר אונזער וואוילזיין, און ער האט איינגעפלאנצט צדיקים אין יעדן דור וועלכע באלייכטן אונז מיטן אור של משיח, כדי מיר זאלן זוכה זיין צו גאולת הנפש, אזוי ווי דער בעש"ט האט מפרש געווען דעם פסוק, "קרבה אל נפשי גאלה".

ווי מער מיר וועלן זיך דערנענטערן און זיך מקשר זיין צו צדיקים, ווי מער מיר וועלן לערנען און עוסק זיין אין זייערע ספרים, אלץ מער וועלן מיר זוכה זיין צו בחינה הגאולה, און מיר וועלן זיך קענען באהעפטן אין א "טאפעדיגע" אמונה וואס געבט אונז דער געפיל אז מיר רעדן איש אל רעהו, סיי ביים דאווענען און סיי ביים דאנקען, ביים רעדן און ביים שמועסן מיטן מלך קל חי וקיים.

אויף די עצה פון התקשרות לצדיקים דארפן מיר אויך בעטן, און וויינען אויף דעם וואס מיר שפירן דערווייטערט פונעם צדיק'ס אור. די ערשטע טריט וואס מען שפאנט צו גאולת הנפש דארף זיין א טריט געוואנדן אינעם ריכטונג צום צדיק'ס אור. דאס פאדערט אז מען זאל ערשטנס אנערקענען וואס פעלט אונז, און נאכדעם זיך אנווארעמען מיט כיסופים און בענקעניש צום צדיק'ס ליכטיגע השפעות. "וְכָל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּנֶחָמָתָהּ." עס שטייט נישט "יזכה" - ער וועט זוכה זיין, נאר "זוכה" - דורך דער עצם אבילות איז ער זוכה צו בויען זיין אייגענעם בית המקדש פאר השראת השכינה אין זיין הארץ און אין זיין לעבן.

ס'איז דיר שווער צו דאווענען? איז דאווען צו השי"ת אז עס איז דיר שווער. דאווען צו השי"ת טאקע ווייל עס איז דיר שווער. די געשפרעך פון התבודדות וועט אריינלייכטן, און דיר פארלייכטערן דאס הארץ, ביז עס וועט דיר פשוט ווערן געשמאק צו עפענען דיין הארץ און מויל צו רעדן צום בורא.

**פארזעצונג פון זייט 1.**

# מחליט זיין אַן החלטה אָן קיין חרטה.

אויב מען איז קלאר ביי זיך, איך בין אן עבד השם, און מיין שאיפה איז בלויז לעשות רצון אבי שבשמים, איז מען באפרייט פון דעם **עול** פון באשליסן. השי"ת האט דאך באשאפן אלע ברירות און אלע צדדים. ער מאכט, ער טוט, ער באשליסט פאר מיר וואס איז גוט. וועסטו פרעגן, יא, אבער ל-מ-ע-ש-ה... וואס זאל איך טוהן, וועלכע ברירה זאל איך אויסקלויבן?

דערפאר דארף א מענטש געדענקען אז ס'איז דא א בעל הבירה, און איך בין א בעל בחירה, און די צוויי זאכן זענען נישט קיין סתירה. ווען איך דארף אויסוועלן צווישן צוויי ברירות, דארף איך עס באטראכטן כאילו איך בין מחליט צווישן צוויי האלבע שקלים. וועלכע האלב זאל איך אויסוועלן? ס'איז נישט קיין חילוק. איין האלב איז די זעלבע ווערד ווי די אנדערע. **דער אריינגעבויטער וואגשאל, דער כח פון נשיאת ראש, איז צו וויסן אז מיין רצון איז געגליכן צו א האלבע שקל. מיין איינציגסטער צד איז צו טוהן רצון השם. וויבאלד איך האב נישט קיין צוויי צדדים, האב איך נישט קיין בלבולים.**

נאכדעם וואס מען נעמט דאס אריין אין קאפ, שפירט מען רואיג בשעת'ן באשליסן. יעצט קען מען צוטרעטן צו פאסן א באשלוס צווישן צוויי ברירות (וועלכע זענעןביידע די זעלבע אויסגעהאלטן על פי תורה) מיט א פראקטישע לאגישע בליק. וועלכע איז דער גרעסערער העלפט פונעם יחץ, וואס לוינט זיך ענדערש, וועלכע האט מער מעלות. שווערע דאגות וועגן נישט אויפן הארץ בשעת'ן אפוועגן די אפציעס. מען קווענקלט זיך נישט, וואס וועט די תוצאה טאקע זיין? מען ווייסט אז עס וועט זיין רצון השם.

וואס איז דער יכולת צו מחליט זיין? דער איינציגער צד און רצון צו טוהן רצון השם. וואס מען קלויבסט אויס איז גוט, ווייל דער אופן וויאזוי מען קלויבסט איז גוט. אויב האסטו רצון השם פאר דיינע אויגן, האסטו דעם אריינגעבויטן וואגשאל אפצואוועגן צדדים.

❧ • ☙

**אלעס איז באשערט.**

די וועלט איז געוואוינט צו זאגן "אלעס איז באשערט". אסאך מאל הערט מען די ווערטער מיט א קרעכץ, נאכדעם וואס מען האט פרובירט פארשידענע וועגן, באשלאסן, חרטה געהאט, און נאכאמאל פרובירט. נאכן פרובירן אלע ברירות בלייבט מען שטעקן מיט די איינציגע ברירה פון זיך איבערגעבן צו בטחון, "אלעס איז באשערט". א שאד אז מען זאגט עס נאר למפרע, אנשטאט אנצוהויבן אזוי מלכתחילה. איך האב א ספק, איך ווייס נישט וועלכע וועג איז פאסיג פאר מיר. אבער "אלעס איז באשערט!" איך בין רואיג און צופרידן און איך הייב מיין קאפ העכער די בלבולים. ס'איז פארהאן א מעגליכקייט פון "נשיאת ראש". דער מטבע פאלט אויף איין זייט, די אונטערשטע זייט, און איך פריי זיך אז עס געלונגט אלעמאל מיט דער גוטער פנים אויף ארויף.

ווער האט ספיקות ווען ער זעט רצון השם פאר די אויגן? ווער קווענקלט זיך ווען ער ווייסט זיכער וואו ער גייט אנקומען? דער גוטער צד וועט אלעמאל שיינען מיטן פנים אויף ארויף. קום, לאמיר גיין פאראויס, רעכטס אדער לינקס איז נישט משנה. דיין באשלוס קען דיר אפשר נעמען צו אן אומגעראכטענע פלאץ, אבער עס וועט זיכער זיין א גוטע פלאץ. דו האסט שוין נישט קיין פלאץ פאר ספיקות. נישט קיין חילוק צו וועלכע ריכטונג דו האסט זיך געקערט, געדענק: ברוך השם, אלעס איז טאקע באשערט.

## עלהו לא יבול

**הר"ר נחמן לאנדסמאן הי"ו**
לרגל הולדת בנו
**בזכות רביה"ק יזכו לדורות ישרים מברכים ישרים מבורכים**

**הר"ר שלמה זלמן קליין הי"ו**
**בזכות רביה"ק יזכו להצלחה בכל ענינים**

**בשורה טובה למבקשי השם**
צו הערן אינהאלטסרייכע שיעורים אין ליקו"מ:
betler.org | **718-395-2440** #345-28
אדער "אוצרות ברסלב":
**718-855-2121**

צו ארגאנאזירן א שיעור און צו באקומען אלע ספרי ברסלב
רופט: **347-451-5857**

כדי צו באקומען דעם גיליון יעדע וואך, צו שיקן הערות, אדער צו תורם זיין קען מען זיך פארבינדן: idishkind@gmail.com
איינטיילצונעמען אינעם זיכוי הרבים פון מפיץ זיין דעם גליון אין בתי מדרשים ביטע רופט:
**א"י: 052-7688-609 | חו"ל: 917-909-8851 • 347-451-5857**